**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/16/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 82 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג געלעגנהייטן צו פארשטערקערן ניו יארק סטעיט קונסט און קולטור

***אפליקאציע אנווייזונגען פאר פיסקאלע יאר 2024 קאונסיל פאר קונסט גרענטס יעצט אפן***

***בויט ארויף אויף לעצטע יאר'ס היסטארישע פינאנצירונג צו שטיצן קונסט און קולטור ארגאניזאציעס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז 82 מיליאן דאלאר אין ניו יארק סטעיט קאונסיל פאר קונסט (New York State Council on the Arts, NYSCA) גרענטס זענען יעצט דא צו באקומען פאר נאָן-פראפיט קונסט און קולטור ארגאניזאציעס און פריוואטע קונסטלער ארום ניו יארק סטעיט. די גרענטס וועלן צושטעלן בויגזאמע פינאנצירונג צו שטיצן א ברייטע רייע פון ארגאניזאציעס און קונסט אונטערנעמונגען, ארייינרעכענענדיג העלפן קונסטלער מיטן מאכן נייע ווערק, אויפהאלטן נייע און עקזיסטירנדע פראגראמען ביי קאמיוניטי ארגאניזאציעס, פארמערן צוטריט צו אפאָרדעבעל חזרה און סטודיאו פלעצער און פארברייטערן געלעגנהייטן פאר רעזידענסיס פאר פארשטעלונג קונסט. אפליקאציעס אנווייזונגען זענען יעצט פארעפנטליכט אויף [arts.ny.gov](arts.ny.gov).

"קונסט און קולטור זענען שוין פון לאנג געווען א הויפט חלק פון ניו יארק'ס אידענטיטעט און א קריטישע חלק פון אונזער סטעיט'ס הצלחה אלץ א רייכע און לעבהאפטיגע פלאץ צו וואוינען, ארבעטן און באזוכן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די קריטישע פינאנצירונג געלעגנהייטן וועלן פארשטערקערן אונזער שעפערישקייט פעלד דורכן שטיצן א ברייטע רייע פון פארשידנארטיגע און נייע סארטן פראיעקטן, און זיי וועלן ערלויבן אונזערע קונסט און קולטורישע ארגאניזאציעס זיך צו ווייטער אנטוויקלען און וואקסן בשעת'ן עס מאכן מער צוגענגליך פאר ניו יארקער און באזיכער צוגלייך."

א וועבינאר צו אנהויבן די NYSCA געלעגנהייטן פאר פיסקאלע יאר 2024 וועט אפגעהאלטן ווערן דאנערשטאג, מאי 18 אום 11 פארמיטאג. רעגיסטראציע איז [אפן דא](אפן דא).

אנווייזונגען פאר די פאלגנדע געלעגנהייטן זענען פארעפנטליכט צו דאַונלאָודען פון די [NYSCA וועבזייטל](NYSCA וועבזייטל):

- **שטיצע פאר ארגאניזאציעס**
  - שטעלט צו בויגזאמע אפעראציע און פראגראם פינאנצירונג פאר קוואליפיצירטע קונסט און קולטור ארגאניזאציעס. גרענט סומעס זענען צווישן $10,000 און $49,500.

- **שטיצע פאר קונסטלער**

- פינאנצירט שפעריש קאמישען פאר פריוואטע קונסטלער אריבער די סטעיט. די זאכן פארוואס די קאמישען קען געגעבן ווערן רעכענען אריין טאנץ, פארפאסן מוזיק, פילם, מעדיא און נייע טעכנאלאגיע, פאלק און טראדיציאנאלע קונסטווערק, אויסגעמישטע, ליטעראטור, טעאטער קאמישענס און וויזואלע קונסטווערק. די סומע פון די גרענט איז $10,000.

- **שטיצע פאר געציהלטע געלעגנהייטן**
  - פלעצער פאר פארשטעלונג קונסט חזרות און סטודיאוס: די פינאנצירונג איז געווידמעט צו שטיצן שפעריש חזרות און ארגאניזאציעס וועלכע שטעלן צו פלעצער פאר צוגענגליכע פרייזן פאר נאָן-פראפיט קונסט גרופעס און קונסטלער. גרענט סומעס זענען צווישן $15,000 און $35,000.
  - פאלק און טראדיציאנאלע קונסטווערק אפרענטיסשיפס: די פינאנצירונג גיבט א געלעגנהייט פאר מענטשן וועלכע האבן ערפארונג און פאלק קונסטווערק צו שטודירן צוזאמען מיט מייסטער פאלק קונסטלער פון זייער אייגענע קאמיוניטי. די סומע פון די גרענט איז $10,000.
  - פארשטעלונג קונסטווערק רעזידענסיס. די געלעגנהייט שטיצט א רעזידענסי פאר א מינימום פון 3 וואכן אין א ציה ביי ניו יארק-באזירטע פארשטעלונג קונסט גרופעס אין א געציהלטע געגנט אין ניו יארק סטעיט אינדרויסן פון דעם אפליקאנט'ס היים קאונטי און אינדרויסן פון ניו יארק סיטי. גרענט סומעס זענען צווישן $15,000 און $35,000.

- **שטיצע פאר רי-גרענטס און סערוויסעס**
  - שטיצט פינאנצירונג פאר סטעיט קאמיוניטי רי-גרענט פלעצער – א נעטווארק פון ראיאנישע קונסט און קולטור אריבער די סטעיט וועלכע זענען אויסגעשפרייט אריבער די סטעיט – וועלכע שפאנען איין זייער לאקאלע מומחיות'שאפט צו פארברייטערן די השפעה פון די NYSCA'ס גרענטס פאר קונסטלער און נאנ-פראפיטס אין אלע 62 קאונטיס און אזוי אויך פינאנצירונג פאר ארגאניזאציעס וועלכע שטעלן צו סערוויסעס פאר דעם פעלד. די געלעגנהייט ווערט געגעבן נאר דורך א ספעציעלע איינלאדענונג.

די אפליקאציע פארטאל וועט זיך עפענען דאנערשטאג, יוני 1. די טערמין ביז ווען מען קען אפלייען איז דאנערשטאג, יולי 13, אום 4 נאכמיטאג. אלע אפליקאנטן מוזן דורכגיין אן ערשטיגע בארעכטיגונג פראצעדור דורך די NYS Grants Gateway בעפארן אפלייען פאר א גרענט. די NYSCA מוטיגט אפליקאנטן צו אנהויבן מיט דעם ערשטיגע בארעכטיגונג פראצעדור ווי שנעל עס איז נאר מעגליך. געלעגנהייטן פאר אינפראסטרוקטורישע פראיעקט גרענטס וועלן אנאנסירט ווערן אין הערבסט.

די היסטארישע געלעגנהייטן פאר די קונסט און קולטור פעלד זעצט פאר לעצטע יאר'ס היסטארישע סומעס פון קונסט פינאנצירונג, אריינרעכענענדיג פרעצעדענטלאזע שטיצע פאר אינפראסטרוקטורישע פראיעקטן. אין פיסקאלע יאר 2023 האט די NYSCA פארטיילט 90 מיליאן דאלאר אין שטיצנדע גרענטס פאר 426 קונסטלער און פאר איבער 1,200 ארגאניזאציעס.

**ניו יארק סטעיט קאונסיל פאר קונסט עקזעקיוטיוו דירעקטארין, מארא מאנוס, האט געזאגט,**
"דורכאויס די קריטישע צייט, ווען ערהוילונג און אויפלעבונג באמיאונגען קומען פאר אין די זעלבע צייט, פייערן מיר מיט גאר גרויסע הכרת הטוב פאר די גאווערנער און די לעגיסלאטור די פארגעזעצטע שטיצע פאר די קונסט און קולטור פעלד. אזוי ווי אינוועסטירונגען אין קונסט צאלן זיך שיין אפ, ווייסן מיר אז די קריטישע שטיצע פאר קונסט וועט ווייטער פארשטערקערן די פערזענליכע וואוילזיין, קאמיוניטי געזונטהייט און עקאנאמישע הצלחה פון ניו יארק און אלע וועלכע באזוכן דא."

**ניו יארק סטעיט קאונסיל פאר קונסט פארזיצערין, קעטערין ניקאלס, האט געזאגט,** "די באנייטע מיסיע פון די NYSCA ווידערהאלט איר פארפליכטונג צו *פלעגן און פאראויס שטופן די פולע ספעקטרום פון ניו יארק סטעיט'ס קונסט, קולטור און שעפערישקייט פאר יעדן.* א דאנק די פירערשאפט פון גאווערנער האקול און די לעגיסלאטור וועט NYSCA פארזעצן צו אפפערן באדייטפולע פינאנציעלע שטיצע פאר קונסט און קולטורישע ארגאניזאציעס צו בענעפיטירן קונסטלער, צושויער, סטודענטן, קאמיוניטיס און באזיכער צו ניו יארק סטעיט."

**סטעיט סענאטאר האָוזעי סערענאָו האט געזאגט,** "קונסט און קולטור זענען קריטיש פאר אונזער עקאנאמיע, קאמיוניטיס און מענטשן אריבער אונזער סטעיט. די קונסטווערק אינספירירן און ערנערן אונזער געמיינזאמע גייסט, און איך גראטוליר NYSCA פאר די היינטיגע אנאנס און פאר איר אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו שטיצן ניו יארק'ס קונסטלער און ארגאניזאציעס."

**אסעמבלי מיטגליד דעניעל אָודאַנעל האט געזאגט,** "עס איז קריטיש אז מיר זאלן אנערקענען און שטיצן די מערקווירדיגע מאכט וואס קונסט האט, איופלעבנדיג יעדע געביט פון אונזער סטעיט. איך בין דאנקבאר פאר מיינע קאלאגן פאר זייערע באמיאונגען צו פארזיכערן א באדייטפולע חלק אין די בודזשעט פאר קונסט, פארזיכערנדיג אז ניו יארק זעצט פאר צו שיינען אלץ א גלאבאלע צענטער פאר קונסט און קולטור. איך קען קוים ווארטן צו זעהן די איינפלוסרייכע רעזולטאטן וואס די NYSCA וועט ערגרייכן דורך אירע פארטיילטע גרענטס אריבער אונזער סטעיט."

**איבער די ניו יארק סטעיט קאונסיל פאר קונסט**

די NYSCA היט אויף- און רוקט פאראויס די קונסטווערק און די קולטור וועלכע מאכן ניו יארק סטעיט אן אויסערגעווענטליך גוטע פלאץ צו וואוינען, ארבעטן און באזוכן. דער קאונסיל האלט אויף די רעכטן פון אלע ניו יארקער צו געניסן פון די גאר וויכטיגעביישטייערונגען וואס קונסט גיבט פאר אונזערע קאמיוניטיס, בילדונג, עקאנאמישע אנטוויקלונג, און לעבנס-קוואליטעט. צו שטיצן די אנגייענדע ערהוילונג פון קונסט אריבער ניו יארק סטעיט, פארטיילט NYSCA 127 מיליאן דאלאר אין די פיסקאלע יאר 2024, צושטעלנדיג שטיצע פאר אלע סארטן קונסטווערק.

NYSCA שטופט ווייטער פאראויס ניו יארק'ס שעפערישע קולטור דורכן צוזאמברענגען פירער אין דעם פעלד און צושטעלן ארגאניזירונג און פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג געלעגנהייטן און אזוי אויך אינפארמאציע קוועלער. געעפנט דורך גאווערנאר נעלסאן ראקעפעלער אין 1960 און יעצט מיט די שטיצע פון גאווערנער קעטי האקול און די ניו יארק סטעיט לעגיסלאטור, איז די קאונסיל אן אגענטור וועלכע איז טייל פון די עקזעקיוטיוו ברענטש פון די רעגירונג. פאר מער אינפארמאציע איבער NYSCA, באזוכט ביטע [http://www.arts.ny.gov](http://www.arts.ny.gov), און פאַלאָוט NYSCA'ס Facebook בלאט, אויף Twitter אויף [@NYSCArts](https://twitter.com/NYSCArts) און אויף Instagram אויף [@NYSCouncilontheArts](https://instagram.com/NYSCouncilontheArts).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418